# עדמאנטאן עדמאנטאן

## עדמאנטאנער נאטיצן

מיס מערי סטאר, איי. טי. סי. עם. על. איי. בי., פיאניסטין, עפנט אויף א סטודיא אין איר היים, 9914 הונדערט און עלפטע סטריט.

* * *

מר. און מרס. דזש. באלצאן פארברענגען עטלאכע וואכן אין אלבערטא ביטש.

* * *

מרס. ע. א. פענער און זייער טאכטער מערי, האבן זיך צוריקגעקערט פון א רייזע אין ראטשעסטער און אנדערע פונקטן איסט.

* * *

מיס פעסי בערקוסאן, פון קאלגארי, איז אין עדמאנטאן צו גאסט ביי מיס פערל גארפין. מיס בערקוסאן איז אויפן וועג קיין קאלגארי פון וויניפעג, וואו זי האט פארבראכט עטלאכע וואכן.

* * *

מיס ראוז און מיס פערל געלמאן, פון נארט בעטלפארד זיינען צו גאסט אין עדמאנטאן ביי מיס ען פאלסקי.

* * *

מיס ען און אידא בערנשטיין האבן געגעבן א טאנץ שבת אוונט לכבוד זייער גאסט מיס מיני קורצבערג, פון קאלגארי. עס זיינען אנוועזנד געווען די פאלגנדיקע פריילנס: מערי הענסאן, ב. העקטאר, פעסי בערקוסאן, אלע פון קאלגארי; נאלדי הילער, בעסי שקלאוו, רוט און טילי מייקלסאן, סארא יאמפאלסקי, פערל גארפין. ען וואסערמאן, סוזי מארגאליס, ען סלוטקער, פערל דאן, איידא באלצאן, לילי ניוהויז, ען פאלסקי, ראז קארבין, פערל געלמאן, סיידי רודניאנסקי און הערלד שווארץ, מעקס פיינשטיין, הערלד וויסלער, לארענס וויסמאן, סעט בערג, פרענק שקלאוו, מא פינסקי, סיידי פעקעט, דזשעק סורין, סעם פיינס, בען און עלי מארגאליס, ארט פרידמאן, און עלי קאפלאן פון רעדזשיינע; סיד ראדניאנסקי, וואלפי מארגאליס, הענריווינער, מארט איזראעל, מעקס און באב אסטראווסקי און י. מארגאליס.

* * *

מיס פערל גארפין האט געגעבן א "ברידזש פארטי" דינסטאג אוונט, לכבוד מיס פעסי בערקוסאן, ווערא שאפירא און מיני קורצבערג, פון קאלגארי.

מיס ען גאפסקי און ען סליטקער האבן געוואונען די פרייזן. אלע האבן פארבראכט א שיינעם אוונט. רעפרעשמענטס זיינען סערווירט געווארן, ארויסגעהאלפן פון מיס מערי סטאר.

* * *

דער קאונסיל פון אידישע פרויען וועט דורכפירן א יום־כיפור טאנץ אין תלמוד־תורה זאל. האט אין זינען די אונטערנעמונג און קומט.

יהודית.

—)::(—

## ביי עדמאנטאנער פּיאנערן פרויען קלוב

דער פרויען פיאנערן קלוב פון עדמאנטאן האט דעם 9טן אווגוסט דורכגעפירט א הויז־צו־הויז זאמלונג און עס איז געשאפן געווארן $61.00, א דאנק אונזערע עדמאנטאנער אידן וועלכע האבן בייגעשטייערט וויפל יעדער האט געקאנט. איך פיל טאקע ווי אויסצודריקן צו אלע עדמאנטאנער אידן א גרויסן דאנק פאר זייער גוטער אויפנאמע פון אונזערע חברות.

ווידער האט דער פרויען פיאנערן קלוב דורכגעפירט א פאמיליען פיקניק. עס זיינען אנוועזנד געווען אלע חברות. מען האט דורכגעפירט א ראפל און 8 דאלאר איז געשאפן געווארן. נאכדעם האט מען ביי געדעקטע טישן געגעסן וועטשערע און אלע חברות האבן זייער שיין פארבראכט אויפן גרינעם גראז און אונטער די גרינע בוימער.

חברה פאלסקי מאכט איר נייע היים אין קאלגארי, האבן איר אלע חברות געמאכט א סורפריז פארטיע דעם 20טן אווגוסט. חברה פאלסקי איז פרעזענטירט געווארן מיט א שיינער מתנה פון אלע חברות. חברה פאלאק האט געבראכט א בוקעט בלומען און מען האט דעקארירט דעם טיש מיט בלומען און אנדערע גוטע זאכן. חברה לעווין איז געווען פארזיצערן פון אוונט. עס זיינען געהאלטן געווארן קורצע רעדעס פון א סך חברות. דער עולם האט געזונגען אידישע פאלקס לידער און איז געווען אזוי לעבעדיק אז מ'האט געכאפט א טענצל. מען האט אזוי פארבראכט ביז איינס אזייגער ביינאכט און מען האט געוואונשן חברה פאלסקי א הארציקן זיי געזונט און מען האט איר געוואונשן פיל דערפאלג אין לעבן.

ה. פ.

דר. רושאן ע. ווילקינסאן, דענטיסט
M.D.S., L.D.S.
Phone: Office 24 665; Res. 31 693
520 Tegler Bldg., Edmonton, Alta.

DR. J. C. SHARP
דאנטיסט
אפיס שטונדן, 9 ביז 5
אוונטן ביי אפאינטמענטס
Office Ph 24718; House Ph 82246
Ste. 103 Pantages Theatre Bldg.
Cor. Jasper Ave. and 102nd St.
EDMONTON, ALTA.

DR. W. A. MORGAN
Dentist
דענטאל פליטס, "ברידזש ווארק"
איבערן פאנטידזשעס טעאטער
102 Brown Bldg. Edmonton, Alta.
Ph. 24 918—Res. 25 487

**MORRIS BAKER**
לאו אפיס
510 TEGLER BLDG. PHONE 27 888

**Mrs. JAMES JONES**
האלסייל און ריטייל
קוואליטי פיש פון לייקס און ים
מיר דעליווערן
CITY FISH MARKET
Phone 22 531 Edmonton

**E. S. AGNEW**
דראגיסט און סטיישאנער
9546 Jasper Ave. Phone 22 432
EDMONTON, ALTA.

JACKSON BROS.
Jewelers, Diamond Merchants
מיר מאכן א ספעציאליטעט פון די ריפערס פון זייגערס און דזשועלרי. ספעציעלע אויפמערקזאמקייט צו מעיל ארדערס.
9962 JASPER AVE., EDMONTON

The Art League
EDMONTON
שניידט אויס דעם דאזיקן אדווערטייזמענט — עס איז ווערט 20 פראצענט דיסקאונט אין אונזער סטודיא.

PHOTOS
אין יעדער פאזע
איז אפגעשפיגלט
דער צויבער און
פערזענלאכקייט
פון
דער פערזאן
Phone 25 444
פאר אן אפאינטמענט
McDERMID STUDIOS LTD.
10133 - 101st St. Edmonton, Alta.

מיר זיינען די
איינציקע
אויסשליסלאכע
מאנופעקטשורערס
פון
מאנומענטן
אין עדמאנטאן
איידער איר באשליסט צו קויפן א מצבה פאר אייערע ליבע און טייערע קומט און זעט אונז. עס וועט זיך אייך באצאלן.
ALBERTA GRANITE, MARBLE & STONE
10702-101st St. Phone 24 038
EDMONTON

NORWOOD SHEET METAL WORKS
9568-111 AVE. PHONE 72385
EDMONTON, ALTA.
ספעציאליזירן זיך אין ווארימע לופט באהייצונג
דזשענעראל ריפעירס
אלצדינג אין שיעט מעטאל

W. H. JACKSON
פארטרעט די
ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאני.
פערזענלאכע באדינונג
919 McLeod Bldg.
Phones:
Office 25 805; House 72 370

איר סייווט 50%
ווען איר שיקט אייער קלינינג צו די
דאלער קלינערס
11217 JASPER AVE.
PHONE 23 513

B. A. MOIR
פלאמבינג, היטינג און געז פיטינג
אפשאצונגען פריי
10530 97th Street Ph. 27 556
EDMONTON, ALTA.

לאמבער און מילארבעט
פלייט גלאז
סטאר פיקסטשורס
צו
נידעריקסטע פרייזן
W. H. Clark & Co. Ltd.
109 ST. EDMONTON

CHAMPION'S PARCEL DELIVERY
T. M. CHAMPION, Mgr.
PHONES: 22 246—22 056
10121-101st St., Edmonton, Alta.
מיר לויפן אין שליחות.
מיר פירן רענצלאך און קאסטנס.
דעליווערן פעקלאך און מעסעדזשעס.
באים און קארס צו אייער באדינונג

אדווערטייזט
אין "דאס אידישע ווארט" —
עס וועט זיך אייך
באצאלן

# פּרוּבירט די דאזיקע רעסיפּי פאר פרענטש טי רינג . . .

געמאכט אויף אזא אופן . . . עס איז א געשמאקער טריט

| | |
|---|---|
| 1 קאפ אפגעבריטע מילך | ½ ראיאל איסט קעיק צעלאזט אין |
| 2 טישלעפל פוטער | ½ קאפ לעבלאכע וואסער |
| 1 טישלעפל צוקער | 1 זאלצלעפל זאלץ |

▪ צו די געבריטע מילך, גיט צו די פוטער, צוקער און זאלץ. לאזט עס אפקילן ביז לעבלאך און נאכדעם גיט צו די צעלאזטע הייוון און 1½ קאפ מעל. מישט אויס גוט און לאזט עס שטיין אין א מעסיק ווארימען פלאץ איבער א נאכט. אינדערפרי, גיט צו גענוג מעל צו קנעטן און לאזט עס אויפגיין ביז עס ווערט אן ערך אין צווייען. וועלגערט עס אויס דין, פארשפרייט מיט צעשמאלצענעם פוטער, באווארפט מיט צעריבענע ניס און ברוינעם צוקער. וויקלט עס ווי א דזשעלי ראל, פארמירט א רינג און צעשניידט מיט א שערל ארום איין אינטש אפּגעטיילט. לייגט עס אריין אין א אנגעשמירטן בלעכל און לאזט עס אויפגיין אין צווייען. באקט לאנגזאם אין א מעסיק הייסן אויוון. שטעלט אריין א כלי מיט הייסע וואסער אונטן אין אויוון.

▪ אונזער נייער פרייער ביכל "די ראיאל ראוד טו בעטער העלט" שלאגט פאר א סך אנגענעמע מיטלען צו נעמען ראיאל איסט קעיקס און באצייכנט ווי דיזע איינפאכע טעגלאכע פראקטיק וועט פארבעסערן אייער געזונט. שיקט נאכ'ן ביכל היינט.

אויב איר באקט אין דער היים, שרייבט צו סטאנדארד ברענדס לימיטעד, פרייזער עוועניו, און ליבערטי סטריט, טאראנטא, פאר דעם פרייען ראיאל איסט קעיק ביכל. ער אנטהאלט אויסגעפּרובירטע רעסיפּיס פאר דינער ראלס, ראסקס, לעמאן באנס, און אסך אנדערע געשמאקע לייכט־געמאכטע ברויטן

ROYAL YEAST CAKES

קויפט געמאכטע־אין־קאנאדע סחורות

# אין פלאנטער פון לעבן . . .

א העכסט שפאנענדער ראמאן פון דעם מאדערנעם אידישן לעבן אין אמעריקע

פון מ. ס.

(פארזעצונג)

ווי איינפאך, ווי פראסט ער פירט זיך אויף. האט אפילו ניט געלאזט אז דער ווייטער זאל אים העלפן דעם מאנטעל אנטאן. "נעווערמיינד", — האט ער געזאגט, — איך קאן אליין. איך בין חלילה ניט קיין קריפל... ניט ווי אנדערע וואס בלאזן פון זיך און ווילן ז יעדער איינער זאל זיי אפגעבן כבוד און זיי באדינען ווי א שקלאף.

בען איז אוועק צו זיין פלאץ, אין דער ערשטער ריי פון ארקעסטער, אזוי שנעל ווי א גרויסער עולם האט אנגעהויבן זיך קליבן. דער דירידזשענט האט א מאך געטאן מיטן שטעקעלע און צויבערלאכע טענער האבן זיך צעטראגן און זיך געגאסן איבערן גאנצן זאל. די מענער און פרויען, ארום די טישלאך, זיינען געווען פארנומען מיט זייער עסן און טרינקען און האבן נאכאנאנד געקלונגען מיט זייערע מעסער און גאפלען און מיט זייערע גלעזער און פלעשער. עס האט אויסגעקוקט אזוי ווי זיי וואלטן זיך צו דער מוזיק גאר ניט אנגעהויבן צוהערן אפילו. בלויז רעי, די איינציקע אין גאנצן זאל, איז די גאנצע צייט געהאנגען מיט אירע בליקן אויף דעם יונגן פידל־שפּילער אזוי ווי די גאנצע מוזיק, די אלע צויבערלאכע טענער, וואלטן זיך געטראגן נאר פון זיין פידל אליין, און וואלטן געווען געמיינט נאר פאר איר, פאר איר אליין...

מיט אמאל האט זיך באוויזן א פרייליכע גרופּע אין רעסטאראן. א יונגע, רייך־געקליידעטע דאמע, איז אריינגעקומען אין דער באגלייטונג פון צוויי מענער. איינער פון זיי אן עלטערער, מיט גרויל־אפעכ האר, מיט דיקע וואנסן און מיט ברילן אויף דער נאז, און דער צווייטער, — א יונגער, א הויכער, א בלאנדער, מיט גרויסע, פריילאכע, לאכנדיקע און שטיפערישע אויגן.

רעי איז געווען אומרואיק ווען זי האט זיי דערזעהן. נאך איידער זי האט דערזעהן דאס פנים פון דער רייך געקליידעטער דאמע, האט זי שוין דערפילט ווי איר הארץ ווערט צונויפגעדריקט פון א טיפן ווייטאג. זי האט ניט אומזיסט דערשפירט די אומרואיקייט. ווען די דאמע האט זיך א דריי געטאן, האט רעי שנעל צוגעמאכט די אויגן. עס איז געווען לוסי. לוסי גארבער. רעי האט ניט געוואוסט ווער די צוויי מענער זיינען געווען. זי האט געוואוסט, אז לוסי חבר'ט זיך לעצטנס מיט מענשן פון דער קינסטלערישער וועלט. אלע מאל האט מען זי געקאנט זעען אין דער געזעלשאפט פון א שוישפילער, פון א זינגער, אדער פון א מוזיקער.

רעי האט צוגעמאכט די אויגן פון אן אינערלאכן, ווייטאגדיקן געפיל. זי האט געוואוסט אז בען קריידער'ס אויגן זיינען געווענדעט ניט צו איר, צו רעי, נאר צו יענער, צו דער בלישטשענדיקער לוסי גארבער. זי איז דערפאר ניט געווען בייז אויף אים. זי האט בלויז רחמנות געהאט אויף אים, ווייל זי האט געוואוסט, אז זיין ליבע צו לוסי גארבער איז פונקט אזוי האפנונגסלאז, ווי איר ליבע צו בען קריידער... אבער זי האט אירע געפילן געשטיקט אין זיך, בעת בען קריידער איז ניט אלע מאל געווען אומשטאנד זיינע געפילן צו באהאלטן.

אויך איצט האט זי גליך אויפן ערשטן מאמענט באמערקט די ענדערונג וואס איז פארגעקומען אויף בען קריידער. זי האט שארף געקוקט אויף אים די גאנצע צייט. זי האט דייטלאך געזעהן ווי עס האבן זיך געביטן אלע קאלירן אין זיין פנים, ווי זיינע אויגן זיינען פארנעפלט געווארן פון א מאטן גלאנץ און ווי דער בויגן אין זיין האנט האט א פאר מאל א ציטער געטאן איבער די סטרונעס פון זיין פידל.

לוסי האט זיך אויף קיינעם ניט אומגעקוקט. זי איז געווען צופיל פארנומען מיט די צוויי מענער, וועלכע האבן זי באגלייט. דער ווייטער האט ארונטערגענומען פון אירע אקסלען דעם ווייסן אפערע־מאנטל און זי איז געבליבן זיצן אין א טונקל־רויטן ראמעט־קליידל, וואס איז געווען טיף אויסגעשניטן אויף דער פלייצע און אויף דער ברוסט, און האט גאר קיין ארבל ניט געהאט. אירע ליפּן זיינען געווען רויט און די באקן זיינען געווען באדעקט מיט א ראז־קאליר. אין אירע העלע האר האט געבליצט א שפילקע מיט דימענטן און פון אירע אויערן זיינען ארונטערגעהאנגען טונקעלע אויררינגלאך, וואס האבן געפינקלט מיט אלערליי קאלירן.

ניט אומזיסט האט זי באלד געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאמקייט פון דעם ארומיקן עולם. פון די פארשיידענע געסט. די מענער האבן זי געשלונגען מיט זייערע זשעדנע אויגן און די פרויען האבן געקוקט אויף איר מיט קנאה און מיט גיפט. אבער לוסי האט קיינעם פון זיי ניט געזעהן, האט זיך מיט קיינעם פון זיי ניט אינטערעסירט. זי האט געוואוסט אז זי איז שיין. זי האט געוואוסט אז זי געפעלט, אז זי איז רייך פארפוצט. און ס'איז געווען א טייל פון איר פארגעניגן, צו ציען אויף זיך די זשעדנע בליקן פון די מענער און די גיפטיקע אויגן פון די פרויען.

דער איינציקער וואס האט געהאט דאס גליק צו קריגן א שאקל פון איר קאפ איז געווען דער יונגער וויאליניסט, בען קריידער. א סך יונגע מענער אין זאל האבן אים מקנא געווען, וואס די יונגע רייצנדע דאמע האט זיך געגריסט מיט אים. רעי האט דאס באמערקט און איר הארץ האט מורא'דיק א פלאטער געטאן. זי האט באמערקט ווי בען קריידער איז רויט געווארן ביז די אויערן און ווי, זיינע אויגן האבן לאנג געקוקט אין איר ריכטונג, כאטש זי האט שוין מער אין זיין ריכטונג ניט געקוקט.

אזוי שנעל ווי דער נומער, וואס די מוזיק האט געהאלטן אין שפילן, איז געווען פאראיבער, האט בען אוועקגעלייגט דעם פידל און האט זיך געמאכט א וועג צווישן די טישלאך און איז גלייך געגאנגען צום פלאץ וואו לוסי איז געזעסן מיט די צוויי מענער. רעי האט דאס באמערקט פון איר פלאץ און איר הארץ האט זיך ווידער א צאפל געטאן פון אומרואיקייט און פון ווייטאג.

בען האט, גייענדיק צו איר טישל, א טראכט געטאן אז ס'איז אפשר ניט אין פלאץ צוצוגיין איצט צו איר, ווען זי זיצט מיט מענשן וועלכע זיינען אים פרעמד; ער האט אבער געפילט אז ער מוז ריידן צו איר. ער מוז איר זאגן כאטש א ווארט אדער צוויי. אויב ניט, האט ער געפילט, וועט ער שוין דעם גאנצן אוונט ניט וויסן אויף וואס פאר א וועלט ער איז און וועט ניט וויסן וואס ער שפּילט.

א פארלוירענער שמייכל האט געשפּילט אויף זיינע ליפן ווען ער איז צוגעקומען נאענט צום טישל. זיין הארץ האט מורא'דיק געקלאפּט. לוסי איז געווען זייער קאפּריזנע. זי האט זיך געקאנט פארשטעלן און מאכן דעם איינדרוק, אז זי קען אים ניט, כאטש אלע האבן פריער גאנץ גוט געזעהן ווי זי האט צו אים א שאקל געטאן מיטן קאפּ. עס האט אים שוין פארדראסן וואס ער האט זיך געלאזט גיין צו איר. עס איז שוין אבער געווען צו שפּעט צו כאפּן צוריק.

גראד איז לוסי איצט געווען זייער אויפגעלייגט און אין זייער א גוטער שטימונג. זי האט נאך פון ווייטנס באמערקט אז ער גייט צו איר טישל און האט אים אנטקעגן געשמייכלט מיט דערמוטיקונג. בען איז דאן מיט א פעסטערן טראט צוגעקומען צום טישל.

זי האט אים, די ערשטע, אנטקעגן געטראגן די האנט:

— העלא, מר. קריידער — האט זי געזאגט, — עס פרייט מיך אייך צו זעען.

(ווייטערעם קומט)

# ליבאוויטשער שול

551 מענגוס עוועניו

## סדבר שקר תרחק

מיר לאזן וויסן צו אלע אידן וועלכע ווילן קומען דאווענען ביי אונז די קומענדיקע ימים נוראים, אז אונזערע פרייזן אויף סיטס זיינען זייער מעסיק, צוגעפאסט נאך דער צייט נאך. דער קלאנג וואס אייניקע האבן ארויסגעלאזט, אז מיר רעכענען עקסטרא געלט אויף אלע סיטס, צוליב דעם וואס מיר האבן דעקארירט אויף א גרויסארטיקן אופן אונזער שול, און אויך עקסטרא פאר אונזער

## חזן משה כץ

מעלדן מיר אז דאס איז אבסאלוט ניט ריכטיק. יעדער פאטראניזירער האט איצט א געלעגנהייט צו דינגען סיטס נאך זיין פארלאנג נאך, צו די ביליקסטע פרייזן. א קאמיטע זיצט אין שול יעדן טאג פון 7 ביז 10 אין אוונט צו פארדינגען סיטס.

סליחות וועט אונזער חזן זאגן אי״ה דעם קומענדן שבת אוונט 12 אזייגער

מיר ווינשן אלע אידן א כתיבה וחתימה טובה בכלל כל ישראל.
מיט אכטונג, די קאמיטע,
ר׳ שלום משה הלוי בוכהאלטער, פרעזידענט

אלע וועגן פירן צו דעם
# רעדוואוד פּאבליק מארקעט
רעדוואוד און מיין סטריט
באלעבאסטעס! קויפט איין דא און שפּארט געלט
גראסעריס, פרוכט, וועדזשעטייבלס, פליישן, עופות (פאולטרי), פיש, פוטער, מילך, קעז, ברויט, קאנפעקשאנערי און אנדערע פראדוקטן פריש פון די פארמס יעדן טאג
מאכט דעם רעדוואוד פאבליק מארקעט פאר אייער איינקויף צענטער יעדן טאג
עס וועט זיך אייך באצאלן! קומט און איבערצייגט זיך!
אפן טעגלאך ביז 9.30 אוונט

# ס'איז בלויז 9 טעג צו יום־טוב
אייער טלית געקלינט פאר אייך פריי מיט יעדן ארדער פון $2.00
מענערשע סוטס און ליידיס דרעסעס. דריי קלינד $1.00
לייגט ניט אפ אויף שפעטער — טעלעפאנירט אונז גלייך
מיר ווילן אייך צושטעלן אייער ארדער אין 24 שטונדן
יוסף אלין — יוסף מייערסאן
JAMES DYERS & CLEANERS
72 Marion St., Norwood PH. 201 117—2 Lines

# דער פארגעניגן
פון יעדער באלעבאסטע און די באוואונדערונג פון אירע פריינט
ריינע זויבערע קורטענס

באשטראלט דעם אויסזעען פון א היים. אינוויינייק און דרויסן, און קורטענס אויף וועלכע מען גיט אכטונג ווערן זיך אזוי האלטן פאר זייער א לאנגער צייט.

קיין אונטערשייד ווי קאסטבאר אדער דעליקאט אייערע קורטענס זיינען, אונזערע יארן פון דערפארונג אלס לאונדערערס דע לוקס איז א גאראנטיע פאר דעם פארזיכטיקן אופן ווי אזוי מיר באהאנדלען זיי.

טעלעפאנירט 22 818

און אונזער דרייווער וועט קומען צו אייך.

Peerless Laundry

אומפארגלייכבאר אין פעאיקייט און אויפזיכט

גוטע נייעס
א גרויסער סטאק פון אלערליי שיך פאר מענער, פרויען און קינדער איז ערשט אנגעקומען. צוליב אייער איינענעם בענעפיט זאלט איר היינטיקן ערב יום־טוב קויפן אייערע שוכווארג אין
טרעגובאוס שוך סטאר
מיר וועלן אייך באהאנדלען ארענטלאך און מיר וועלן אייך געבן דעם בעסטן פרייז נאך דער צייט נאך. פארגעסט ניט דעם אדרעס — מיר האבן נאר איין סטאר
ROYAL SHOE STORE
836 Main St. Winnipeg

# Classified Section קלאסיפייד סעקשאן

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג:

| | |
|---|---|
| איין מאל, 5ס. פער אגייט ליין | 3 מאנאטן, $2.15 אגייט ליין |
| פאר א וואך, 20ס. " " | 6 מאנאטן, $4.00 " " |
| פאר א מאנאט, 75ס. " " | פאר 1 יאר, $7.50 " " |

## :: צו פאררענטן ::

FOR RENT

מיר זיינען די מענעדזשערס און רענטאל אידזשענטס פון 15 אפארטמענטס. דער גרעסטער אויסוואל פון סוויטס. פון 2 רומס ביז 5 רומס, רענט פון $25 ביז $60.

ווען איר דארפט א סוויט זעט זיך מיט אונז, און איר קריגט די בעסטע צימערן פאר א מעסיקן פרייז רענט.

2 נייע מאדערנע באנגאלאוס צום פארדינגען. מיט אלע מאדערנע איינריכטונגען. רענט $40 א חודש. פארטיק אריינצומופן דעם 15טן סעפטעמבער.

א 3 רום סוויט מיט א זומער קיטשן אין ערשטן פלאר, קאר. פריטשארד און טשארלס. רענט $18 א חודש.

געלט צו לייען אויף מארטגעדזשעס.
אינשורענס פאר אלערליי צוועקן.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 53 807

באלטיק אפארטמענטס
קאר. אייקינס און מאניטאבא
צו פאררענטן 3 און 4 רום סוויטס שיין דעקארירט, סקרינד באלקאנים, רענט רעדוצירט. זיך ווענדן צום קערטייקער, סוויט "די", טעלעפאן 56 668.

צו פאררענטן א גרויסע געפארנישטע רום. זיך ווענדן אין 484 פלארא עווע.

פארלאנגט א רום, געפורנישט אדער ניט, אין אן אפארטמענט אדער הויז, ערשטן אדער צווייטן בלאק פון מיין סטריט צווישן סט. דזשאנס און מעטעסאן, פאר עלטערע פרוי. מוז האבן אלע באקוועמלאכקייטן. טעלעפאן, צוטרים צו קיטשן און א. וו. זיך ווענדן צו דאס איר. ווארט באקס 7079.

סוויטס צו פאררענטן אין סאלטער בלאק, רעדוואוד און סאלטער, צוויי סוויטס פון 4 קליינע רומס און איין סוויט פון 4 גרויסע רומס. טעלעפאנירט 52 477.

### סוויט צו פאררענטן

ראמאנא קאורט, 269 פריטשארד עוו. 3 רומס און באד אין מאדערנעם בלאק. עלעקטריק רענדזש. $32 ביז $41 א מאנאט. קאן אריינמופן דעם 1טן אקטאבער. זיך ווענדן צום קערטייקער.
RAMONA COURT
269 PRITCHARD AVE.

צו פאררענטן א 5 רום סעמי מאדערן הויז, זיך ווענדן צו
MISS PATTERSON
465 Flora Ave. Winnipeg

3 און 4 רום סוויטס צו פאררענטן אין יוראפיען בלאק. הייסע וואסער טאג און נאכט. ביליק רענט. זיך ווענדן אין 203 מעקגרעגאר סטריט.

צו פאררענטן געפורנישטע רומס, מיט אדער אן בארד. זיך ווענדן אין 427 מאקריי עוועניו.

צו פאררענטן צוויי אדער דריי רומס מיט אלע באקוועמלאכקייטן. זיך ווענדן אין 317 סט. דזשאנס עוועניו.

בארד און רום פאר יונגעלייט אדער מיידלאך, אין א שטילער באקוועמער היים. צופרידנהייט גאראנטירט. זיך ווענדן צו מרס. טארטשינסקי, 407 אלפרעד עוועניו.

צו פאררענטן א סטאר מיט א וואוינונג אויף 482 סעלקירק עוועניו. רענט $30 א מאנאט. זיך ווענדן צו ב. שרעג טעלעפאן 57 101.

צו פאררענטן 3 שיינע ליכטיקע און ווארימע רומס, ניי דעקארירט. רענט ריזאנאבל. זיך ווענדן אין 572 קאלעדזש עוועניו.

## געשעפט געלעגנהייטן

צו פארקויפן אלס א גייענדע ביזנעס. פרוכט סטענד אין א דאון טאון מארקעט. איינגנטימער האט געוויסע אורזאכן פאר פארקויפן. זיך ווענדן צו א. דאווידאוו, 223 פארט סטריט.

## ארבעטער פארלאנגט

HELP WANTED

פארלאנגט א מאן—איך האב א גוטע פראפאזישאן פאר א מאן מיט א לעיט מאדעל 4 טירן סעדאן. זיך ווענדן צווישן 5 און 8 נ. מ. אין 508 סקאט בילדינג, 272 מיין סטריט.

GARAGE $55.00

פארטיק צוגעגרייטער
$55 גאראזש
אלע הארדווער, לאמבער, סעש, אסבעסטאס, שינגלס און א. וו. איינגעשלאסן.
דאס איז דער בעסטער גאראדזש ווערט אין שטאט. זעט אונז אדער טעלעפאנירט פאר פולע איינצלהייטן.
North American Lumber & Supply Co. Ltd.
720 Royal Bank Bldg. Phone 21 355

## :: פערזענלאכעס ::

PERSONAL

היים און אפיס פארניטשור פארלאנגט
פאר מזומן געלט.
KILSHAW'S
Auctioneers
Canada Bldg. Phone 29 040

GIBBONS UPHOLSTERY & METAL WORKS
צוזאמענשטעלן ארבעט א ספעשעלטי
עקספערט ארבעט
ראדיאייטארס, באדי ארבעט, טאפס, אפהאלסטערי
144-6 Fort St., cor. York
Phone 22 667

שדכנים ביורא
ליידיס און דזשענטלמען פון יעדן עלטער און קלאס. אייניקע מיט געלט און היימען, נאר זיי זיינען איינזאם. פריוואטע ערנהאפטע שידוכים ארראנזשירט. שטרייבט געהיים. זייער קליינע שדכנות געלט. קומט אדער שרייבט — די מענעדזשער, רום 2, 882 דאנאלד סט., 4 טירן פון נאטער דיים עוועניו.

מעדיצינישער מאסאזש
מרס. ה. ערעל־סאלאווי, פראפעסיאנעלע מאסאזשיסטין, אויסגעפרובירטער דערפאלג אין באהאנדלען פאראליזעס און אלע פארמעס פון רומאטיזם.
838 SOMERSET BLOCK
Ph. 88 066 Res. 56 766

CAMPBELL BROS. MARBLE & GRANITE CO.
מיר ספעציאליזירן זיך אין מאכן פארשיידענע אידישע מצבות — זעט אונזער אויסשטעלונג איידער איר באשטעלט ערגעץ אנדערש. אונזערע פרייזן זיינען זייער מעסיק.
90 Hespeler Ave., Phone 501 495

מואווינג פעקינג
קרייטינג שיפינג
25 817 — מינימום — 25 817
National Cartage & Storage Ltd.

ב. הערמאן, 492 סעלקירק עווע. אנטקעגן ארעצקיס סטאר. ערשט קלאסיקער זייגערמאכער און גאלדשמידט. ארבעט געמאכט צו מעסיקע פרייזן.

מיר האבן קארס וואס פארן יעדן טאג אין אלע דירעקשאנס
מאטאר טוריסטן
מאכט אייערע רעזערוואציעס אין פאראויס.
AUTO TRANSPORTATION BUREAU
382 Donald St. Phone 86 139

אינשורענס
די עלטסטע און ראיעלסטע לעבנס פייער און אוטאמאביל קאמפאניס
ריל עסטייט
שנעלע, ארענטלאכע באהאנדלונג פאר קויפער און פארקויפער. מארטגעדזשעס און לאאנס אונזער ספעציאליטעט
שיפס קארטן און געלט שיקונג
דורך "באלטיק אמעריקא ליין"
געשעפט געלעגנהייטן
דער גרעסטער אויסוואל פון גוטע געשעפטן אין שטאט און אין קאנטרי. עס וועט זיך אייך באצאלן זעען
ה. פערלמאן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
874 Main St. Phone 51 000

מיינע פריינדע, פארגעסט ניט אז איך האב געעפנט א פיש סטענד אין רעדערשע פיש יעדן טאג. איר וועט זיין צופרידן מיט מיין אטענשאן, און די בעסטע סחורה וועט איר קריגן ביי מיר. איך דאנק אייך פאראויס.
אייער בעסטער פריינט,
מרס. שייפער, בוט 45

## :: צו פארקויפן ::

FOR SALE

א סנעפ פאר קעש. איינגנטימער פארלאזט די שטאט. 6 רומס פולי מאדערן הויז אויף 357 אבערדין עווע. טעלעפאן 54 792. קיין יושר"דיקער אנבאט וועט ניט צוריקגעוויזן ווערן.

צו פארקויפן א 6 רום הויז, פולי מאדערן, אין פוירסט קלעס קאנדישאן. זיך ווענדן אין 148 אלפרעד עוועניו איסט פון מיין סטריט.

קאטידראל עוועניו
איסט פון מיין סטריט
צו פארקויפן, אויף קאטידראל עוועניו, איסט פון מיין סטריט, אן 8 רום הויז אין גלענצנדן צושטאנד. דאס איז א בארגן פאר $2,800. זיך ווענדן צו
THE ROYAL TRUST COMPANY
846-483 436 Main Street

צו פארקויפן אויף קאלעדזש עוועניו, א זיבן רום הויז, צווישן אייקינס און סאלטער, ניי רעפינישט און אין גלענצענדן צושטאנד, האט א ליווינג רום, דיינינג רום, פראנט און בעק קיטשען און פיר בעדרומס. איז פולי מאדערן און א גלענצנדע היים פאר בלויז $3,900, אויף גוטע טערמס.
THE TRADERS TRUST CO.
400 Union Trust Building
Phone 26 891 Evenings 41 853

S S S S S S S S S S

איינע פון די גרעסטע בארגענס וואס איז ווען אנגעבאטן געווארן אין וויניפעג. 6 רום מאדערנע היים אין גוטן צושטאנד און אויף א גוט ברוקירטער גאס. נאענט צו א סטריט קאר און סקול, פאר $2,000. ריזאנאבל קעש. זיך ווענדן צו
Mr. LAWRIE
of J. J. Swanson & Co. Ltd.
26 349 or evenings 56 471